בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה - זָכוֹר**

**290**

**תשפ"ג**

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט זִיךְ שֶׁעמֶען מִיט מַיין טַאטֶע.......................א
נָאכְ'ן עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, וָואס אִיז מַיין תִּיקּוּן?.......................ג
זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן אִין יְשִׁיבָה, אָדֶער גֵיין אַרְבֶּעטְן?.......................ו
מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת פַּיינִיגְן מִיךְ, בִּין אִיךְ מְשׁוּגָע?.......................ט
מֶעג מֶען אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר מֵיידְלֶעךְ צוּ נֵייעֶן?.......................יב


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.......................א
הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אַרוֹיס דִי רוּחַ רָעָה פוּן מַיין מֹחַ.......................ב
יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְף מֶען טָאפְּלְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.......................ג
אַ גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז מֶען קֶען בַּאקוּמֶען פֵיינֶע וַוארֶעמֶע גֶעשְׁמַאקֶע מָאלְצַייטְן.......................ג
מִיר קוּקְן נִישְׁט קַיין וִוידִיאוֹ.......................ד
אַזַא הֶעלְדִישֶׁע זַאךְ, אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי הָאר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.......................ה
שִׁיךְ לְכָבוֹד פֶּסַח אִין שְׁטֶעטְל פַאר אַכְצִיג פְּרָאצֶענְט דִיסְקַאוּנְט.......................ה
אַ מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת דַארְפְן מְחַזֵק זַיין דִי מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס.......................ו
דוּ קֶענְסְט אוֹיסְוֶועלְן זִיךְ גוּט אוֹיסְצוּלַאכְן, אָדֶער צוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט.......................ז
אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע וֶועג פוּן שְׁפִּילְן צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער.......................ז
נֶעגְל וַואסֶער וֶועט דִיךְ אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.......................ח
אַ מִקְוֶה אִין דִי נֵייעֶ גֶעגְנְט, מִקְוֶה רָחֵל שִׂמְחָה.......................ט
נָאכְגֶעבְּן פוּן דִי אֵייגֶענֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן פַארְן מַאן.......................ט
אַז דִי אִיז אַ פָּשׁוּטְ'עֶ אוּן אַ תְּמִימוּת'דִיגֶע, אִיז דָאס נָאר אַ מַעֲלָה.......................י

דַארְף אַ פְרוֹי גֵיין אַרְבֶּעטְן? ........ יא

לֵייג תְּפִילִין אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אִין אַרְבֶּעט ........ יא

אַז עֶס אִיז דִיר טוּנְקֶל, מַאךְ זִיךְ לִיכְטִיג ........ יב

אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען רֶעדְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ ........ יג

דִי סְגוּלָה פוּן שִׂמְחָה אִיז הֶעכֶער אַלֶע סְגוּלוֹת ........ יד

אִיךְ דַאנְק אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס הֶעלְפְן דֶעקְן דִי הוֹצָאוֹת בֵּית הַמֶּדְרָשׁ ........ טו

מַאן אוּן וַוייבּ דַארְפְן זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן וָואס טוּט וֵויי ........ טז

אַ מְלַמֵּד דַארְף הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אַחְרָיוּת צוּ זַיין צַייטְלִיךְ ........ יז

אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס ........ יז

מֶען צֶעבְּרֶעכְט נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין ........ יט

דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט פוּן לֶעבְּן ........ כ

מִנְהָגִים פוּן יוֹצְרוֹת אִין שַׁבָּת שְׁקָלִים ........ כ

וִויפִיל דַארְף אַ מַאמֶע דַאוֶונֶען? ........ כא

טוּ אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט צוּרִיק צוּ גֵיין צוּ דַיין וַוייבּ ........ כב

בִּזְכוּת זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, זָאלְן אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת ........ כג

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אוּנְזֶער הַאלְבֶּע אַרְבֶּעט ........ כג


# הקונטרס לרפואת
# העניא בת ראכל
# בתשוח"י

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט זִיךְ שֶׁעמֶען מִיט מַיין טַאטֶע

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת, אוּן מַיין טַאטֶע הָאט אַ מִנְהָג אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחָה ווי לְמָשָׁל אַ שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת, בְּרֶענְגְט עֶר זִיךְ מִיט אַלֶע זַיינֶע זַאכְן, ווי זַיין וַויין (נִישְׁט מְבֻשָּׁל), זַיין מֶעסֶער (אָן צֵיינֶער), זַיין בֶּעכֶער (אַלְס מְהֻדָּר), הֲדַסִּים צוּ שְׁמֶעקְן (וֶועגְן אַלֶע סְגוּלוֹת וָואס עֶס הָאט אִין זִיךְ), עֶר בֶּענְטְשְׁט דִי קִינְדֶער (אַזוֹי ווִי עֶר טוּט אִינְדֶערְהֵיים), אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

פַאר אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן פְלֶעג אִיךְ זִיךְ בַּאגְרָאבְּן פַאר בּוּשָׁה, אִיךְ פְלֶעג זוּכְן אַ לָאךְ וואוּ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן, עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען מַאסְן בִּזְיוֹנוֹת, אִיךְ פְלֶעג זִיךְ שֶׁעמֶען מִיט מַיין טַאטֶע, נָאכְדֶעם פְלֶעגְט עֶס אוֹיסְפְּלַאצְן.

אָבֶּער מִיט דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וָואס הָאט מִיר גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט שֶׁעמֶען מִיט מַיין טַאטֶע, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ זִיצְן נֶעבְּן אִים בַּיי אַ שִׂמְחָה.

אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ אִים אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט זַיינֶע זַאכְן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעלָאזְט בֶּענְטְשְׁן אֲפִילוּ עֶס אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל הֵייסֶע בּוּשׁוֹת, וֶוען מַיין יוּנְגֶערֶע בְּרוּדֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט בֶּענְטְשְׁן.

אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ; וֶוען מַיין טַאטֶע זָאל וֶוען ווִיסְן וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט דִי וֶוערְטֶער זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ו שׁוֹבָבִי"ם, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוְוּיסְט וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּן דִי שֵׂכֶל וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים רֶבִּי'ן - וָואלְטְן אַלֶע גֶעשִׁיקְט דִי קִינְדֶער צוּם רֶבִּי'ן; דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁטָא אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִם קֵיסָרִים וּמְלָכִים הָיוּ יוֹדְעִים אֵיךְ אֲנִי מְלַמֵּד אֶת אֲנָשַׁי דֶּרֶךְ אֶרֶץ, הָיוּ שׁוֹלְחִים אֶת בְּנֵיהֶם אֵלַי לִלְמוֹד דֶּרֶךְ אֶרֶץ", וֶוען קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוְוּיסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוּיס פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים - וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אוּיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ.

נָאר וָואס דֶען? דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִיז גְרוֹיס, דִי כֹּחוֹת וָואס מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אִיז נִישְׁט צוּ פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ז', מְזִבּוּב וְעַכָּבִישׁ) אֵיידֶער זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹיבּ דֶער נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט - פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיךְ בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ גֵיי אוּן זוּךְ דִיר אַן עֵצָה". אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקֶן אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם, זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפְּגֵיין, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה".

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (בְּסֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַּרְסְמוֹן): "וָואס אִיז זֵייעֶר עֵצָה, וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן? לַאכְן, מֶען לַאכְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד", דָאס מַאכְט אַז עֶלְטֶערְן זָאלְן נִישְׁט לָאזְן דִי קִינְדֶער אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, עֶלְטֶערְן צִיטֶערְן אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן אָנְקוּמֶען צוּ אַ שְׁלֶעכְטֶע פְּלַאץ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כָּךְ, כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו,

וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק", אוֹיף מִיר קְרִיגְן זֵיי נִישְׁט, זֵיי קְרִיגְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אִים דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע'ס, אוּן אוֹיף אִים דַארְף מֶען קְרִיגְן, אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִישְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ, אִין קְרִיגְן אוֹיף אִיהם", אוֹיף אִים קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ.

הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען לֶערְנְט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען לֶערְנְט שֵׂכֶל. אַז דַיין טַאטֶע וִויל מַאכְן זַיינֶע מִנְהָגִים - וָואס הָאט דָאס מִיט דִיר? וָואס דַארְפְּסְטוּ זִיךְ שֶׁעמֶען? אוּן אַז מֶענְטְשְׁן שְׁמֵייכְלֶען פוּן דַיין טַאטֶע - אִיז וָואס? אוּן אַז מֶען לַאכְט - אִיז וָואס? מֶען וֶוערְט נִישְׁט גְרֶעסֶער וֶוען מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן יָא פוּן אִים אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט קְלֶענֶער אוֹיב מֶען לַאכְט, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נָאכְ'ן עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, וָואס אִיז מַיין תִּיקוּן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיט אַרוּם זֶעקְס יָאר צוּרִיק, שׁוֹין נָאךְ מַיין חֲתוּנָה, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ מַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן אִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע נִסָיוֹן וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט דֶערְמִיט, זַיין תֵּירוּץ אִיז גֶעוֶוען: "בִּיסְט מְשׁוּגָע?! דָאס ווילְסְטוּ?!" אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דָאס לֶעצְטֶע מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ דוּרְכְגֶערֶעדְט מִיט אִים, אָבֶּער קַיין אַנְדֶערֶער מוֹרֶה דֶרֶךְ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט.

אִיךְ הָאבּ אִין דִי לֶעצְטֶע יָארְן גֶעהַאט מַיינֶע בֶּעסֶערֶע אוּן שְׁוַואכֶערֶע צַייטְן, אִיךְ הָאבּ שְׁטֶענְדִיג גֶעוָואלְט זַיין נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אִין מַיינֶע שְׁוַואכֶערֶע צַייטְן בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי נִידְרִיג אַז עֶס פַאלְט אַ פַּחַד וִוי אַזוֹי אַ קִינְד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען פַאלְן אַזוֹי נִידְרִיג, אִיךְ הָאבּ עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי הַארְבְּסְטֶע פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא

לִיצְלָן, גֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיין עֲבֵירָה צוּ אַן אַנְדֶערֶע, מַמָּשׁ וִוי אַ מְשׁוּגָענֶער, אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ גֶעוֶוען אַ חוֹטֵא וּמַחְטִיא רַחֲמָנָא לִיצְלָן; וִוי מֶער אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן אוּן זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז אִיךְ וֶוער בֶּעסֶער, בִּין אִיךְ נָאךְ טִיפֶער גֶעפַאלְן.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין אַ מַצָּב אַז אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט פוּן דִי שׁוּלְד גֶעפִילְן אוּן צַעַר, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ פַאסְטְן כָּאטְשׁ בִּיז חֲצוֹת, אִיךְ נֶעם אֲפִילוּ נִישְׁט אַ וַוארֶעמֶע שׁוֹיעֶר. אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָאְרגֶענוּמֶען קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, אָבֶּער אִיךְ בִּין בֶּאֱמֶת פַארְלוֹירְן אוּן צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת? קֶען אִיךְ נָאךְ הָאבְּן אַ תִּיקוּן? עֶס מוּז זַיין אַז אִיךְ בִּין אָדֶער בֶּאֱמֶת מְשׁוּגָע אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט טוּן דִי אַלֶע זַאכְן אָדֶער הָאבּ אִיךְ אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה אַז דֶער שָׂטָן לָאזְט מִיךְ נִישְׁט אָפּ.

אִין גוּטֶע צַייטְן קֶען אִיךְ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אַוֶועקְגֶעבְּן בְּגוּף, בְּנֶפֶשׁ וּבְמָּמוֹן מַמָּשׁ, בֶּאֱמֶת אַלֶע דְרֵיי שֶׁלֹּא עַל מְנָת לְקַבֵּל שְׂכַר אָדֶער אַנֶערְקֶענוּנְג - פַּאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, אוּן אִין אַנְדֶערֶע צַייטְן קֶען אִיךְ דוּרְכְפַאלְן מִיט דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת וָואס דִי הָאר פוּן קָאפּ שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף. אִיךְ בִּין מַמָּשׁ דִי מִיסְט פוּן דִי מִיסְט פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוֹיבּ אִיךְ קֶען זִיךְ נָאךְ אֲפִילוּ פַארְרוּפְן אַלְס אַ חֵלֶק אִין כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּאקַאנְט מִיט דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר דֶרֶךְ אוּן מִיט רֶבִּי נַחְמָן'ס סְפָרִים, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס אַז מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן אִים: "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁאֶפְשַׁר לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁאֶפְשַׁר לְתַקֵּן", אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ גְלֵייבְּן אַז אִיךְ קֶען נָאךְ פַארְרֶעכְטְן, אָבֶּער וִוי אַזוֹי?

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צוּ וֶועם מֶען קֶען זִיךְ וֶוענְדְן פַאר אַ תְּשׁוּבָה אוּן תִּיקוּן אָבֶּער עֶס אִיז מִיר אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען אַ קוּנְטְרֵס פוּן מִכְתָּבִים אוּן תְּשׁוּבוֹת פוּן תַּלְמִידִים וואוּ מֶען קֶען פְרֶעגְן שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלוֹת, נֶעם אִיךְ דִי הֶעזָה אַייךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּן זַיין רָצוֹן, אָבֶּער וִוי אַזוֹי? אִיז דָא פַאר מִיר אַ תְּשׁוּבָה? אִיז דָא פַאר מִיר אַ תִּיקוּן? אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ טוּן אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט צוּ הָאבְּן אַ תִּיקוּן אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶענְט אִיר מִיךְ הֶעלְפְן? דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל אִיז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף מַיינֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ תִּיקוּן, אוּן אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג טוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם.

אִיךְ בֶּעט זִיךְ צוּ אַייךְ מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ אוּן מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט וואוּ צוּ וֶוענְדְן, הֶעלְפְט מִיר!

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ז שׁוֹבְבִי"ם, כ"ג שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג**

**לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַס וְחָלִילָה צוּ זָאגְן אוֹיף זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט דִי מִיסְט פוּן דִי מִיסְט פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל; אֲפִילוּ אַ אִיד זִינְדִיגְט מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף אִים, עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קיט.): "יָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פְּרוּסָה תַּחַת כַּנְפֵי הַחַיּוֹת כְּדֵי לְקַבֵּל בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה", דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הַאנְט אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט צוּ אָנְנֶעמֶען דִי תְּשׁוּבָה פוּן דִי וָואס טוּעֶן תְּשׁוּבָה; זָאל אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן גֶעטוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים מוֹחֵל. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחוּקוֹתַי) "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מִיָּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים", גְלַייךְ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ דֶערְצֵיילְט מִיר אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט חֲרָטָה, "אֲנִי מוֹחֵל לָהֶם", פַארְגֶעבּ אִיךְ אִים זַיינֶע זִינְד.

עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת בְּגִירְסָא, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; זָאג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט אוֹיסְלַייטֶערְן דַיין נְשָׁמָה. וַוייל עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דִי גוּרֵי הָאֲרִיזַ"ל אַז 'מִשְׁנָה' אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת פוּן 'נְשָׁמָה', אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט פַארְשְׁמִירְט זַיין נְשָׁמָה - דוּרְךְ לֶערְנֶען מִשְׁנָה וֶועט עֶר אוֹיסְוַואשְׁן דִי נְשָׁמָה. אַזוֹי אוֹיךְ שְׁטֵייט אִין סֵפֶר יְסוֹד יוֹסֵף (סוֹף פֶּרֶק מו): "כִּי לִימּוּד הַמִּשְׁנָה, מְסוּגָּל לְהָבִיא הַנְּשָׁמָה הַטְּהוֹרָה אֶל הָאָדָם", לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת מַאכְט אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה. אוּן דֶער שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (סֵפֶר שְׁלָ"ה מַסֶּכֶת שְׁבוּעוֹת פֶּרֶק נֵר מִצְוָה, אוֹת יז): "עוֹשֶׂה סוּלָּם לַנְּשָׁמָה", דוּרְךְ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת מַאכְט מֶען זִיךְ אַ לֵייטֶער פַאר דִי נְשָׁמָה צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת. אוֹיךְ שְׁטֵייט אִין סֵפֶר רֵאשִׁית חָכְמָה (שַׁעַר הַקְּדוּשָּׁה פֶּרֶק ב, אוֹת יג): "אֲגַב מְבֹאָר כִּי סְגֻלַּת גִּרְסַת הַמִּשְׁנָיוֹת לַהֲרוֹג הַיֵּצֶר הָרָע וּלְהַכְנִיעוֹ", זָאגְן מִשְׁנָיוֹת הָאט אַ סְגוּלָּה צוּ הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע אוּן אִים אוּנְטֶערְטֶעניִגְן.

וָואס דוּ זָאלְסְט נָאר הָאבְּן אָפְּגֶעטוּן אִין לֶעבְּן - קֶענְסְטוּ מְתַקֵּן זַיין דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה וּבִפְרַט מִיט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת. דֶער רֵאשִׁית חָכְמָה בְּרֶענְגְט (שַׁעַר הַקְדוּשָׁה פֶּרֶק יז, אוֹת צז) פוּן תִּיקוּנִים: "שֶׁמִּי שֶׁפָּגַם בְּנִשְׁמָה", וֶוער עֶס הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען זַיין נְשָׁמָה, "תִּקּוּנוֹ", קֶען עֶר דָאס פַארְרֶעכְטְן, "עַל יְדֵי עֵסֶק הַתּוֹרָה", דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, "בְּשִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה", דוּרְךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת; זָאג אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת - וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. עֶס אִיז דָא נָאךְ אַסַאךְ עֵצוֹת, אָבֶּער אַז מֶען נֶעמְט צוּ סַאךְ קֶען מֶען אַרָאפְּפַאלְן פוּן אַלֶעס; אִיז גוּט אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיף לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת. וֶוען דוּ הָאסְט צַייט זָאלְסְטוּ כַאפְּן דֶעם מִשְׁנַיוֹת'ל אוּן לֶערְנֶען אוּן זָאגְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן אִין יְשִׁיבָה, אָדֶער גֵיין אַרְבֶּעטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אַכְצְן יָאר, אִיךְ לֶערְן אִין אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע יְשִׁיבָה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין הֲנָאָה דָארְט, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד דִי צַייטְן צוּ זִיצְן אִין יְשִׁיבָה. אִיךְ טוּ אַלֶעס וָואס דִי יְשִׁיבָה פַארְלַאנְגְט, אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ צוּ אִינְגַאנְצְן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן? זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן אִין יְשִׁיבָה, אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ גֵיין זוּכְן אַן אַרְבֶּעט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ז שׁוֹבְבִי"ם, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ זָאגְסְט עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ זִיצְן אִין יְשִׁיבָה? זָאג אַ שָׁאד צוּ אַרְבֶּעטְן, וֶועסְט נָאךְ גֶענוּג אַרְבֶּעטְן אִין לֶעבְּן. נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶוען דוּ וֶועסְט דַארְפְן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ מְקַיֵּים זַיין דֶעם (בְּרֵאשִׁית ג, יט): "בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם"; יֶעצְט, ווִי לַאנְג דוּ בִּיסְט נָאךְ בַּיי דַיין טַאטֶע אִין שְׁטוּב, דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט זָארְגְן פַאר דִירָה גֶעלְט, דַארְפְסְט נִישְׁט זָארְגְן פַאר עֶסְן וְכַדוֹמֶה - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

נוּץ אוֹיס דִי יָארְן וָואס דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט זָארְגְן פַאר פַּרְנָסָה. נֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; בְּמִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה וְאַגָּדָה - אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין אוּן אָן חֲזָרָה, נָאר כְּסִדְרָן דַיְקָא. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ. רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת. וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פְּשָׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיב מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען. "וְאָמַר", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן

און מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ?" און אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵויטְן מָאל; און אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵויטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, און דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט און מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", און זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט און גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים, אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת פַּיינִיגְן מִיךְ, בִּין אִיךְ מְשׁוּגָע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי עֶס טוּט זִיךְ אַ מִלְחָמָה אִין מַיין קָאפּ, יֶעדֶע נַאכְט הָאבּ אִיךְ אֵיינֶער אִין מַיין קָאפּ וָואס שְׁרֵייט אַ גַאנְצְן צַייט, 'בִּיסְט נִישְׁט גוּט, בִּיסְט שְׁלֶעכְט, בִּיסְט דִי עֶרְגְסְטֶע מֶענְטְשׁ, בִּיסְט דִי עֶרְגְסְטֶע מַאמֶע, בִּיסְט דִי עֶרְגְסְטֶע וַוייבּ, פַּארְוָואס קֶענְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צַאמֶנְעֶמֶען', אַ גַאנְצְן טָאג הֶער אִיךְ עֶס אִין מַיין מֹחַ אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ וִוי עֶס אִיז דָא דָארְט צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואס טַעְנָה'ן זִיךְ; אֵיין קוֹל זָאגְט, 'דוּ בִּיסְט נִישְׁט נָארְמַאל', אוּן דִי אַנְדֶערֶע קוֹל עֶנְטְפֶערְט צוּרִיק, 'בִּיסְט יָא נָארְמַאל', פוּן אֵיין זַייט הֶער אִיךְ 'הָאסְט גֶעמַאכְט אַ טָעוּת אוּן דָאס מֵיינְט אַז דוּ בִּיסְט דִי עֶרְגְסְטֶע מֶענְטְשׁ', אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט מֶען מִיר, 'עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, אִיךְ מֶעג מַאכְן אַ טָעוּת, עֶס פַּאסִירְט גָארְנִישְׁט'.

'דִי וֶועשׁ אִיז נָאכְנִישְׁט צוּזַאמְגֶעלֵייגְט, קֵיינְמָאל קֶענְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּזַאמֶנְעֶמֶען, גֶעבֶּעךְ אוֹיף דַיין מַאן אַז זַיין וַוייבּ קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּזַאמְנֶעמֶען' - 'עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, אִיךְ גֵיי עֶס שׁוֹין בַּאלְד צַאמְלֵייגְן, דוּ בִּיסְט יָא אַ גוּטֶע מֶענְטְשׁ' - 'נֵיין, בִּיסְט נִישְׁט גוּט, פַּארְוָואס

הָאסְטוּ גֶעדַארְפְט דָאס זָאגְן פַאר דַיין מַאן, פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעדַארְפְט אַזוֹי רֶעדְן צוּ דַיין מַאמֶע, בִּיסְט דִי עֶרְגְסְטֶע, בִּיסְט נִישְׁט גוּט'. אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּרִיק צוּ טַעֲנָה'ן אָבֶער רוֹב מָאל גֶעוִוינְט דִי נִישְׁט גוּטֶע קוֹל, און אִיךְ הוֹיבּ טַאקֶע אָן טְרַאכְטְן אַז אִיךְ בִּין דִי עֶרְגְסְטֶע אוֹיף דִי וֶועלְט.

עֶס קֶען אוֹיסְזֶען ווִי אִיךְ בִּין מְשׁוּגָע, אָבֶער אִיךְ הֶער דָאס טַאקֶע אַ גַאנְצְן טָאג, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער עֶס רֶעדְט עֶס אִין מִיר, אִיךְ פִּיל ווִי אִיךְ ווִיל זֵיי זָאגְן "גֵייט זִיךְ טַעֲנָה'ן אִינְדְרוֹיסְן און לָאזְט מִיךְ אָפּ". אֶפְשָׁר לַייד אִיךְ טַאקֶע אוֹיף עֶפֶּעס אַ מַחֲלָה, אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ טַאקֶע נִישְׁט נָארְמַאל? און וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ אִיךְ מַאךְ טַאקֶע עֶפֶּעס אַ טָעוּת, אִיךְ טוּ עֶפֶּעס נִישְׁט רִיכְטִיג - קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט מוֹחֵל זַיין און אִיךְ וֶוער אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט.

בְּעִיקָר פַּאסִירְט עֶס וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיין אִינְדֶערְהֵיים, וֶוען אִיךְ הֶער נִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. דֶערִיבֶּער פְּרוּבִּיר אִיךְ אֵייבִּיג אָנְצוּצִינְדְן עֶפֶּעס; אַ מַעֲשֶׂה, אַ דְּרָשָׁה אָדֶער אַ שִׁיעוּר, עֶס אִיז אָבֶער נָאכְאַלְץ דָא גֶענוּג צַייטְן וָואס עֶס פַּאסִירְט סַיי ווִי, אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ הֶער עֶפֶּעס אָדֶער וֶוען אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְצִינְדְן עֶפֶּעס. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַלֶעמָאל גֶעהַאט דִי זַאךְ, עֶס אִיז אַ נֵייעֶ זַאךְ פוּן לֶעצְטְנְס.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ פוּל מִיט פְּחָדִים, דִי עִיקָר הָאבּ אִיךְ עֶס בַּיינַאכְט, און נָאכְדֶעם קֶען אִיךְ נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן. אַמָאל פְלֶעג אִיךְ לֶעבְּן אַזוֹי רוּאִיג און פְרֵיילִיךְ, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר דִי לֶעצְטֶע פָּאר וָואכְן.

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיךְ הֶעלְפְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַזוֹי וַוייטֶער גֵיין, אִיךְ פִּיל ווִי אִיךְ וֶוער מְשׁוּגָע, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר קֶענֶען עֶפֶּעס צוּרִיקְשְׁרַייבְּן מִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין און אוֹיסְהֵיילְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ח שׁוֹבְבִי"ם, כ"ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוען עֶס קוּמֶען אַרַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'עֶן מִיט זֵיי, וַוייל ווִי מֶער מֶען טַעֲנָה'ט מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת - וֶוערְן זֵיי

נָאר שְׁטֶערְקֶער און שְׁטֶערְקֶער. דִי רִיכְטִיגֶע עֵצָה אִיז אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרַאכְטְס: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר און נֶעבְּן מִיר, אַלֶעס אִיז נָאר עֶר און עֶר אִיז אַלֶעס'; אַזוֹי וֶועלְן אַוֶועק גֵיין דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עב): "כִּי זֶה טֶבַע וּסְגֻלַּת שֶׁל אֵלּוּ הַיְצָרִין הָרָעִים הַמְזֹהָמִים", אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי שְׁלֶעכְטֶע שְׁמוּצִיגֶע יֵצֶר הָרָע, "כָּל מַה שֶּׁרוֹצִים לְהִתְגַּבֵּר עַל אֵלּוּ הַמַּחֲשָׁבוֹת", וִוי מֶער מֶען וִויל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵיי, "יוֹתֵר וְיוֹתֵר הֵם מִתְגַּבְּרִים", שְׁטַארְקְן זֵיי זִיךְ שְׁטֶערְקֶער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ. "כִּי הוּא כְּמוֹ שֶׁאָדָם בּוֹרֵחַ מִדָּבָר", דִי מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פוּן אֵיינֶעם, "וּמִסְתַּכֵּל מִן הַצַּד כִּלְאַחַר יָד עַל זֶה הַדָּבָר שֶׁבָּרַח מִמֶּנּוּ", און אַז מֶען קוּקְט צוּרִיק אוֹיף דִי זַאךְ פוּן וָואס מֶען לוֹיפְט אַוֶועק - "וַאֲזַי הַדָּבָר הַזֶּה מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר", דֶעמָאלְט וֶוערְט יֶענֶע זַאךְ שְׁטֶערְקֶער, "כִּי לֹא הִסִּיחַ דַּעְתּוֹ מִזֶּה", וַוייל וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי מֶען קוּקְט צוּרִיק - דָאס מַאכְט זֵיי זָאלְן וַוייטֶער נָאכְלוֹיפְן, "רַק אַדְּרַבָּא, שֶׁמִּסְתַּכֵּל בְּכָל פַּעַם לְאַחֲרָיו עַל זֹאת הַמַּחֲשָׁבָה", אַדְרַבָּה, זֵיי וֶוערְן נָאר שְׁטֶערְקֶער וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי מֶען קוּקְט צוּרִיק אוֹיף זֵיי; אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וִוי מֶער מֶען וִויל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵיי - וֶוערְן זֵיי שְׁטֶערְקֶער.

מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת. וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה וָואס קְלַאפְּט אַייךְ אַרָאפּ אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט גוּט - זָאלְט אִיר אָנְהוֹיבְּן בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה און אוֹיף אֱמוּנָה, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ, בֶּעטְס דִי תְּפִלָּה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן קָאפּ בִּיז דִי פִיס, אַז אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד און מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר און נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ און פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, און בִּזְכוּת שִׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין

**נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר; אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַּאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זֶען אוּן שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַלֶעס אוּן עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיינְס, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".**

**טוּט אַלֶעס וָואס מַאכְט אַייך פְרֵיילִיךְ; הֶערְט לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים, פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים. טַאנְצְט אוּן זִינְגְט, טוּט אַלֶעס וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם)**: "גַּם עַצְבוּת הוּא מַזִּיק מְאֹד וְנוֹתֵן כֹּחַ לְזֶה הַיֵּצֶר הָרָע הָעָב הַגַּשְׁמִי", זַיין דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט אִיז זֵייעֶר מְסוּכָּן פַאר דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת; עֶס מַאכְט שְׁטֶערְקֶער דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן פַארְקֶערְט, שִׂמְחָה, פְרֵיילִיכְקֵייט - נֶעמְט אַוֶועק דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת, עֶס צֶעבְּרֶעכְט דֶעם יֵצֶר הָרָע.**

**זַייט שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי עֵצוֹת. אֵיינְס, יֶעדֶע מָאל עֶס קוּמְט אָן דִי שְׁלֶעכְטֶע שְׁוֶועֶרֶע מַחֲשָׁבָה - זָאלְט אִיר גְלַייךְ בֶּעטְן אוֹיף אֱמוּנָה אוּן שִׂמְחָה. צְוֵוייטְנְס, טוּן וָואס מֶען קֶען נָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; וֶועט אִיר פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אִיר וֶועט זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע וַוייבּ אוּן אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## מֶעג מֶען אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר מֵיידְלֶעךְ צוּ נֵייעֶן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אוּנְזֶער זִיסֶע לֶעבְּן, יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי חֵדֶר, דִי קִינְדֶער גֵייעֶן יֶעדְן טָאג זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען דֶערְקֶענְט אוֹיף זֵיי דִי גוּטֶע חִינוּךְ וָואס זֵיי בַּאקוּמֶען.

שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער יֶעדֶע וָואךְ אִין בֵּית פֵיגָא אוֹיסְלֶערְנֶען דִי מֵיידְלֶעךְ נֵייעֶן, הֶעקְלֶען אוּן שְׁטְרִיקְן. זֵיי כַאפְּן עֶס זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיף אוּן זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ עֶס צוּ קֶענֶען. זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיךְ אוֹיף מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

די קוֹמֶענְדִיגֶע מָאל וָואס אִיךְ דַארְף גֵיין אִין שׁוּלֶע קוּמְט אוֹיס מִיטְוָואךְ רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֲדָר. וִויל אִיךְ וִויסְן וָואס אִיז דֶער מִנְהָג בַּיי אוּנְז, בְּנוֹגֵעַ נֵייעֶן אוּן הֶעקְלֶען אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, סֵיי פְּרִיוַואט אִינְדֶערְהֵיים אוּן אוֹיךְ לְגַבֵּי אוֹיסְלֶערְנֶען מֵיידְלֶעךְ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער גֶעבְּן כֹּחַ פַּארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָנְצוּגֵיין אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ט שׁוֹבְבִי"ם, כ"ה שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', לֶערֶערִין בֵּית פֵיגָא יְרוּשָׁלַיִם**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**פְּרוֹיעֶן נֵייעֶן נִישְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אוֹיךְ הֶעקְלְט מֶען נִישְׁט אוּן אוֹיךְ שְׁטְרִיקְט מֶען נִישְׁט. וַוייל רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז אַ יוֹם טוֹב פַּאר זֵיי; דָאס אִיז אַ בַּאלוֹינוּנְג, וַוייל דִי פְרוֹיעֶן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן זֵייעֶר גָאלְד צוּ מַאכְן דֶעם עֵגֶל.**

**עֶס אִיז גוּט אִיר זָאלְט קוּמֶען אִין שׁוּלֶע רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אוּן דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען דִי מֵיידְלֶעךְ, אַז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נֵייט מֶען נִישְׁט; מַאכְט מִיט זֵיי אַ סְעוּדָה אוּן דֶערְצֵיילְט זֵיי דֶער טַעַם פַארְוָואס רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נֵייט מֶען נִישְׁט. רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז אַ יוֹם טוֹב פַּאר פְּרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט מַאכְן דֶעם עֵגֶל, גֵיין קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן קֶעגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כא, י)**: "הַנָּשִׁים גּוֹדְרוֹת מַה שֶּׁהָאֲנָשִׁים פּוֹרְצִים", דִי פְרוֹיעֶן הַאלְטְן שְׁטַארְק אִידִישְׁקֵייט דָארְט וִוי דִי מֶענֶער זֶענֶען שְׁוַואךְ, "שֶׁכֵּן אַתְּ מוֹצֵא שֶׁאָמַר לָהֶן אַהֲרֹן** (שְׁמוֹת לב, ב)**: 'פָּרְקוּ נִזְמֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר בְּאָזְנֵי נְשֵׁיכֶם', וְלֹא רָצוּ הַנָּשִׁים וּמִחוּ בְּבַעֲלֵיהֶן, שֶׁנֶּאֱמַר** (שְׁמוֹת לב, ג)**: 'וַיִּתְפָּרְקוּ כָּל הָעָם אֶת נִזְמֵי הַזָּהָב וְגוֹ'", אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיים חֵטְא הָעֵגֶל, דִי פְרוֹיעֶן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט פָאלְגְן דִי מֶענֶער, גֶעבְּן דִי גָאלְד צוּ מַאכְן דֶעם עֵגֶל, גֵיין קֶעגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.**

**דֶערִיבֶּער זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים** (פִּרְקֵי דְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, פֶּרֶק מה)**: "נָתַן לָהֶן**

הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שְׂכָרָן בָּעוֹלָם הַזֶּה", הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי בַּאצָאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט שְׂכַר, "שֶׁהֵן מְשַׁמְּרוֹת רָאשֵׁי חֳדָשִׁים יוֹתֵר מִן הָאֲנָשִׁים", אַז זֵיי הַאלְטְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וִוי אַ יוֹם טוֹב, מֶער וִוי דִי מֶענֶער, "וְנָתַן לָהֶן שָׂכָר לָעוֹלָם הַבָּא, שֶׁהֵן עֲתִידוֹת לְהִתְחַדֵּשׁ כְּמוֹ רָאשֵׁי חֳדָשִׁים".

דָאס דַארְף מֶען אַרַיינְבַּאקְן אִין דִי קִינְדֶער, אֱמוּנָה אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים; נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי תּוֹרָה וֶועג, נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ צַדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ״ט שׁוֹבָבִי״ם, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אַייעֶר טַאטֶע הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַייעֶר בְּרִיוו.

זֵייעֶר גוּט אַז אִיר זָאגְט תִּיקּוּן הַכְּלָלִי. מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אַז דֶער תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִיז סֵיי פַאר אִינְגְלֶעךְ אוּן סֵיי פַאר מֵיידְלֶעךְ, סֵיי פַאר יוּנְג אוּן סֵיי פַאר אַלְט. וֶוען מֶען זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] - אִיז דָאס אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט גַאנְץ תְּהִלִים, אוּן דָאס נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת, מֶען וֶוערְט אִינְגַאנְצְן רֵיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אוֹיף אַייעֶר מַאמֶע לָשׁוֹן, אוֹיף אִידִישׁ. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט.

שְׁרַייבְּט מִיר נָאךְ בְּרִיוְו.

פוּן אַייעֶר רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, נֶעם אַרוֹיס דִי רוּחַ רָעָה פוּן מַיין מֹחַ**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ״ט שׁוֹבָבִי״ם, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

זָאגְט יֶעדְן טָאג קַאפִּיטְל כט פוּן סֵפֶר תְּהִלִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת קְלִיפָּה, סִימָן ו): ״הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָּוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן מַכְנִיעִין הָרוּחַ רָעָה״, דִי זִיבְּן קוֹלוֹת וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט - נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים אוּן דִי רוּחַ רָעָה וָואס בּוּזְשֶׁעוֶועט אִין מֹחַ.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר בֶּעטְן אוֹיף אֵיין זַאךְ, בֶּעטְס אוֹיף שִׂמְחָה. זָאגְט דִי קַאפִּיטְל אוּן בֶּעטְס דִי תְּפִלָּה:

״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְּרֵיילִיךְ. נֶעם אַרוֹיס דִי רוּחַ רָעָה וָואס בּוּזְשֶׁעוֶועט אִין מַיין מֹחַ. נֶעם אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים, נֶעם אַוֶועק דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הַאלְט דָאס נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַזוֹי וַוייטֶער לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה, אִיךְ לֶעבּ מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעק. אִיךְ שְׁלָאף נִישְׁט, אִיךְ עֶס נִישְׁט, אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט טוּן פוּן דִי פִּילֶע שְׁרֶעק וָואס פַּיינִיגְט מִיר.

הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר קַיין אֵיין רֶגַע, בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מַלְכָּה, אָמֵן״.

...

## יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְף מֶען טָאפְּלְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ״ט שׁוֹבָבִי״ם, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

מַזָל טוֹב צוּ אַייעֶר חֲתוּנָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת, לַשֵּׁם וּלְתוֹרָתוֹ.

יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה - הָאט דִי סֵפֶר תְּהִלִּים אַ שְׁטֶערְקֶערֶע בַּאדֵייט, יֶעצְט דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאפְּלְט פוּן אַלְס מֵיידְל. אַלְס מֵיידְל הָאט אִיר גֶעזָאגְט ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער״ אֵיין מָאל פַאר אַלֶעס, פַאר אַייךְ אַלֵיינְס, אָבֶער יֶעצְט אִיז יֶעדֶע זַאךְ צְוֵויי מָאל ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער״, פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַייעֶר מַאן. אוּן בַּאלְד וֶוען עֶס וֶועט זַיין קִינְדֶער - אִיז שׁוֹין דְרֵיי מָאל ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער״ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, נָאכְדֶעם פִיר מָאל, פִינְף מָאל אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, בִּזְכוּת וָואס אִיר זֶענְט אָנְגֶעטוּן אַזוֹי אֵיידְל, שֵׁיין אוּן בַּאשֵׁיידְן - זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים צַדִּיקִים.

פוּן אַייעֶר רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## אַ גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז מֶען קֶען בַּאקוּמֶען פֵיינֶע וַוארֶעמֶע גֶעשְׁמַאקֶע מָאלְצַייטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל׳ שׁוֹבָבִי״ם, ט״ז שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן עֶפֶּענֶען אֵיין שְׁטֶעטְל אַ גֶעשֶׁעפְט וָואס פַארְקוֹיפְט פֵיינֶע וַוארֶעמֶע גֶעשְׁמַאקֶע מָאלְצַייטְן. אַזוֹיפִיל מָאל מַאכְט זִיךְ

בַּיי מִשְׁפָּחוֹת וָואס קוּמֶען נִישְׁט אָן צוּ קָאכְן וַוארֶעמֶע נַאכְטְמָאל, אַזוֹי אוֹיךְ סְעוּדַת שַׁבָּת אוּן מֶען אִיז זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' מִיט דַיינֶע עֶסְן, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה; מְחַיֶּ' צוּ זַיין הוּנְגֶערִיגֶע מֶענְטְשְׁן מִיט עֶסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן מְחַיֶּ' זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דוּ מִיט דַיין וַוייבּ, אוּן הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ שְׁטָאלְצִיר מִיט דִי חֶסֶד וָואס טוּט זִיךְ אִין שְׁטֶעטְל.

...

### מִיר קוּקְן נִישְׁט קַיין וִוידִיאוֹ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, ל' שׁוֹבְבִי"ם, ט"ז שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו אוּן דַיין וַוייבְּ'ס בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט בַּבְלִי, אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי אוּן אַ פֶּרֶק תּוֹסֶפְתָּא - רָאשֵׁי תֵּיבוֹת בַּיִ"ת נִצְחִי. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, דָאס אִיז מְסוּגָל פַּאר אַ בַּיִת בָּזֶה וּבַבָּא. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען קוֹיפְן אַ הוֹיז אִין שְׁטֶעטְל - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, אִינֶעם נֵייעֶם גֶעגְנְט בַּארְדִיטְשׁוּב, אוֹיף דִי גַאס רֶעדְקְלִיף.

בְּנוֹגֵעַ קוּקְן וִוידִיאוֹ; מִיר קוּקְן נִישְׁט קַיין וִוידִיאוֹ, אָבֶּער פוּן אוּנְזֶערֶע רֶבִּי'ס - קוּקְן מִיר, אוּן פוּן צַדִּיקִים קֶען מֶען קוּקְן. מַיין גְרוֹיסֶער זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רַב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער קַנַּאי קֶעגְן וִוידִיאוֹס אוּן בִּילְדֶער - אִיז גֶעגַאנְגֶען קוּקְן אַ וִוידִיאוֹ פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, ווִי עֶר שְׁרֵייט קַיין אַמֶערִיקֶע, צוּ דִי אַמֶערִיקַאנֶער אִידְן: "הַאלְט שַׁבָּת!" אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם קוּקְן וִוידִיאוֹ.

...

**אַזַא הֶעלְדִישֶׁע זַאךְ, אָפְּגֶעשׁוּירְן דִי הָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל' שׁוֹבבִי"ם, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג

לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

"בְּרוּכָה אַתְּ לַה' בִּתִּי" (רות ג, י), גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְט אִיר זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט גֶעטוּן אַזַא הֵיילִיגֶע זַאךְ, אִיר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשׁוּירְן אַייעֶר הָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיר הָאט גֶעטוּן אַזַא הֶעלְדִישֶׁע זַאךְ, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַלֶע וָואס שְׁפֶּעטְן אוּן לַאכְן. יֶעצְט שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס (שָׁם, יא): "כִּי יוֹדֵעַ כָּל שַׁעַר עַמִּי כִּי אֵשֶׁת חַיִל אָתְּ", אִין הִימְל זֶענְט אִיר אַ הֶעלְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל קוּמֶען צוּ אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט, דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב, עֶס זָאל זַיין פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב, אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין צַדִיקִים אוּן אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְּרֵיילִיךְ אוּן הָאבְן אַלֶעס גוּטְס.

...

**שִׁיךְ לְכָבוֹד פֶּסַח אִין שְׁטֶעטְל פַאר אַכְצִיג פְּרָאצֶענְט דִיסְקַאוּנְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל' שׁוֹבבִי"ם, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

זַיי מוֹדִיעַ אַז מֶען וֶועט קֶענֶען קוֹיפְן בַּיי דִיר שִׁיךְ לְכָבוֹד פֶּסַח פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן שְׁטֶעטְל פַאר אַכְצִיג פְּרָאצֶענְט דִיסְקַאוּנְט. אַ שִׁיךְ וָואס קָאסְט צוּם בֵּיישְׁפִּיל הוּנְדֶערְט פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג וֶועט מֶען קֶענֶען קוֹיפְן בַּיי דִיר פַאר פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג דָאלֶער, אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְן דִי אִיבְּרִיגֶע הוּנְדֶערְט פַאר יֶעדֶע פָּאר שִׁיךְ.

דִי יָאר וֶועט זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס צוּ קֶענֶען טוּן אַלֶע יָארְן; לָאמִיר אָנְהוֹיבְּן מִיט מֶענֶער שִׁיךְ פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי שְׁטַארְק צוּ לֶערְנֶען בִּקְבִיעוּת מִיט אַ חַבְרוּתָא דֶעם בְּלַאט גְמָרָא; דֶער טָאג און דֶער וָואךְ און דָאס לֶעבְּן אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען לֶערְנְט אַ בְּלַאט גְמָרָא.

...

**אַ מְנַהֵל און מְנַהֶלֶת דַארְפְן מְחַזֵק זַיין דִי מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל' שׁוֹבָבִי"ם, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

מַזָל טוֹב פַאר דִי שִׂמְחָה בַּיי דִיר אִין דִי מִשְׁפָּחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער, עֶס זָאל זִיךְ צִיעֶן שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן גֶעבְּן וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּרִים פַאר דִי מְלַמְדִים, דֶער עִיקָר אַרְבֶּעט פוּן אַ מְנַהֵל און מְנַהֶלֶת אִיז – מְחַזֵק זַיין דִי מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס. רֶעד צוּ דִי מְלַמְדִים יֶעדְן טָאג, אִינְטֶערֶעסִיר זִיךְ וָואס מֶען לֶערְנְט און וִוי אַזוֹי אַלֶעס גֵייט אִין כִּתָּה, אִינְטֶערֶעסִיר זִיךְ אוֹיף יֶעדְן קִינְד.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, נֶעם דִי חֵדֶר פַאר דִי עֶרְשְׁטֶע און וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ; אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען וִויכְטִיגֶער פוּן אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט. נֶעם נִישְׁט נָאךְ אַרְבֶּעט אוֹיף דִיר אֵיידֶער דִי חֵדֶר קְלַאפְּט אַ מִילְיָאן פְּרָאצֶענְט, בְּרֶענְג אַרַיין אַ חַיוּת אִין דִי קִינְדֶער.

...

## דוּ קֶענְסְט אוֹיסְוֶועלְן זִיךְ גוּט אוֹיסְצוּלַאכְן, אָדֶער צוּ וֶוערְן אוֹיפְּגֶערֶעגְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל׳ שׁוֹבְבִי״ם, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן פַאר קַיין אֵיין רֶגַע אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן ... גֶעבְּט פַּרְנָסָה, פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אָנְגֶעשְׁרִיבְּן דִי גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע, אַז דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן בּוֹיעֶן אוּן עֶר וֶועט דִיךְ אָפְּזָאגְן, אָבֶער וִוי אַזוֹי דוּ וֶועסְט עֶס אָנְנֶעמֶען - דָאס אִיז דַיין בְּחִירָה; דוּ קֶענְסְט בּוֹחֵר זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן, אָדֶער וֶוערְן בְּכַעַס אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַרַיינְפַאלְן אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, לַאךְ זִיךְ גוּט אוֹיס. נֶעם אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, גְלֵייבּ אַז דַיין פַּרְנָסָה, דַיין שֶׁפַע - קוּמְט נָאר פוּנֶעם אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט; עֶר וִויל דִיךְ אוֹיסְפְּרוּאוְון צוּ וֶועם דוּ וֶועסְט לוֹיפְן אוּן וָואס דוּ וֶועסְט טוּן וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַזַא מַעֲשֶׂה.

וֶועסְט זֶען, עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם נָאר אַ טוֹבָה.

...

## אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע וֶועג פוּן שְׁפִּילְן צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל״א שׁוֹבְבִי״ם, י״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דַיין מְלַמֵּד נֵרוֹ יָאִיר גֶעבְּט מִיר אִיבֶּער זֵייעֶר גוּטֶע גְרוּסְן, אַז דוּ לֶערְנְסְט אוּן דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

אוֹיךְ הָאט עֶר מִיר דֶערְצֵיילְט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ פוּן דִיר, דוּ הָאסְט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע וֶועג פוּן שְׁפִּילְן צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער;

אֵיינֶער לוֹיפְט נָאךְ דִי קִינְדֶער בִּיז עֶר גֶעבְּט יֶענֶעם אַ רִיר אָן, אוּן אוֹיבּ יֶענֶער קֶען גְלַייךְ אוֹיסְשְׁרֵייעֶן אַ נָאמֶען פוּן אַ צַדִיק - קֶען עֶר וַוייטֶער לוֹיפְן. דֶער מְלַמֵד זָאגְט מִיר, אַ גַאנְצֶע הַפְסָקָה הֶערְט מֶען קִינְדֶער טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען אוּן שְׁרֵייעֶן נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים. אֵיינֶער שְׁרֵייט: "דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר!" אַ צְוֵוייטֶער שְׁרֵייט: "דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב!" "דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב!" עֶס אִיז אַ מְחַיֶ' צוּ הֶערְן וַוי דִי קִינְדֶער לֶעבְּן בִּשְׁעַת'ן שְׁפִּילְן מִיט צַדִיקִים.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ.

...

נֶעגְל וַואסֶער וֶועט דִיךְ אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל"א שׁוֹבָבִי"ם, י"ז שְׁבַט, יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, אִיךְ וַוארְט אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ הֶערְן פוּן דִיר, אִיךְ פְּלֶעג זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן צוּ הֶערְן פוּן דִיר; פוּן דַיין לֶערְנֶען אוּן פוּן דַיין דַאוֶונֶען.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגוּם - אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי וָואךְ; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

אוֹיךְ זַיי שְׁטַארְק מִיט זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער אִינְדֶערְפְרִי בַּיים בֶּעט, אוֹיךְ דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ אָפְּגִיסְן אִינְדֶערְפְרִי; וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

### אַ מִקְוֶה אִין דִי נַייעֶ גֶעגְנְט, מִקְוֶה רָחֵל שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל״א שׁוֹבָבִי״ם, י״ז שְׁבַט, יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְעֶר לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

הַמָּקוֹם יְנַחֵם אוֹתְךָ מִתּוֹךְ שְׁאָר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם, זָאלְסְט נִישְׁט וִויסְן פוּן קַיין צַעַר אוּן וֵוייטָאג.

יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מְנַדֵב דִי מִקְוֶה אִין דִי נַייעֶ גֶעגְנְט פוּן יְרוּשָׁלַיִם לְעִלּוּי נִשְׁמַת דַיין שְׁוֶועסְטֶער וָואס אִיז יֶעצְט נִפְטָר גֶעוָוארְן, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת פַאר אִיר נְשָׁמָה; זָאלְסְט אַ נָאמֶען גֶעבְּן דִי מִקְוֶה "מִקְוֶה רָחֵל שִׂמְחָה".

נֶעם אָן דִי נִחוּם אֲבֵלִים בִּכְתָב. זַיי מִיךְ דָן לְכַף זְכוּת, אִיךְ בִּין זֵייעֶר טָרוּד. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַרוֹיסְצוּקוּמֶען צוּ דִיר, אָבֶּער יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ; נֶעם אָן דִי בְּרִיוו אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט גֶעקוּמֶען.

בְּנוֹגֵעַ דִי וַואלְן וָואס גֵייט יֶעצְט זַיין; מִיר אִידְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת - נִישְׁט לְכַּאן אוּן נִישְׁט לְכַּאן. אָבֶּער אַז אֵיינֶער פוּן דִי וָואס לוֹיפְן זֶענֶען גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן אוּנְזֶער קְהִילָה; מֶען זָאל נִישְׁט צָאלְן הוֹיכֶע שְׁטֵייעֶר אוּן לָאזְן מַאכְן שוּלְן אוּן מוֹסְדוֹת - וֶועלְן מִיר שִׁיקְן דִי גַאנְצֶע קְהִילָה זֵיי עֶרְוֶועלְן. אִיךְ וֶועל נָאךְ רֶעדְן מִיט דִיר אִין אַן אַנְדֶערֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט.

...

### נָאכְגֶעבְּן פוּן דִי אֵייגֶענֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן פַארְן מַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל״א שׁוֹבָבִי״ם, י״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַייעֶר מַאן וֶועט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר וֶועט מִיטְהַאלְטְן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה; אִיךְ מֵיין אִיר זָאלְט מִיטְגֵייען מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, וַוייל דָאס וֶועט מַאכְן אַייעֶר מַאן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

וֶוען מֶען גֶעבְּט נָאךְ פוּן דִי אֵייגֶענֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן פַארְ'ן מַאן - וֶוערְט דֶער מַאן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן דִי שָׁלוֹם בַּיִת וֶוערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק.

זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, פַאר אַלֶע חֲסָדִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז זִי אִיז אַ פָּשׁוּטְ'עֶ אוּן אַ תְּמִימוּתְ'דִיגֶע, אִיז דָאס נָאר אַ מַעֲלָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל"ב שׁוֹבָבִי"ם, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וִוי לַאנְג וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן אַלֵיינְס אוּן וַוארְטְן עֶס זָאל דִיר קוּמֶען אַ וַוייבּ וָואס דוּ דִמְיוֹנְ'סְט זִיךְ אוֹיס? אַז זִי אִיז אַ פָּשׁוּטְ'עֶ אוּן אַ תְּמִימוּתְ'דִיגֶע - אִיז דָאס נָאר אַ מַעֲלָה, אוּן אַז דוּ בִּיסְט אַ חָכָם אוּן אַ פַארְשְׁטֵייעֶר - אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מַעֲלָה, עֶס גֶעבְּט גָארְנִישְׁט צוּ צוּם לֶעבְּן; אִיז וָואס אִיז דִי שְׁאֵלָה בִּכְלַל? לוֹיף צוּם שִׁידוּךְ.

קוּק זִיךְ אָן וִוי אַלְט דוּ בִּיסְט, דֶער לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹי שְׁנֶעל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן סא) דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן אִיז וִוי אַ פֶערְטְל שָׁעָה; גֵיי צוּם שִׁידוּךְ בְּשִׂמְחָה רַבָּה.

נָאכְמָאל, תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת אִיז נָאר אַ מַעֲלָה, אוּן חָכְמוֹת אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מַעֲלָה, נָאר "יוֹסִיף מַכְאוֹב" (קֹהֶלֶת א, יח).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף אַ פְרוֹי גֵיין אַרְבֶּעטְן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל"ג שׁוֹבָבִי"ם, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אוֹיבּ אַ פְרוֹי דַארְף אַרְבֶּעטְן וְכוּ'; דַארְפְן דַארְף מֶען נָאר אֵיין זַאךְ, מֶען וֶועט אֵיין טָאג דַארְפְן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַארְף מֶען זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים.

מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן אַ פְרוֹי דַארְף אַרְבֶּעטְן, אָבֶּער עֶס אִיז זִיכֶער גוּט פַּאר אַ יוּנְגֶע פְרוֹי וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער צוּ אַרְבֶּעטְן, נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג, אוּן פוּן וֶוען מֶען הָאט קִינְדֶער - וֶוענְדְט זִיךְ שׁוֹין לוֹיט אִירֶע כֹּחוֹת אוּן לוֹיט דֶער מַצָּב וְכוּ'.

בִּיז דֶערְוַוייל זָאל דַיין וַוייבּ בְּלַייבְּן אַרְבֶּעטְן.

...

## לֵייג תְּפִילִין אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אִין אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל"ג שׁוֹבָבִי"ם, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ אוּן דוּ לֵייגְסְט תְּפִילִין יֶעדְן טָאג; וְוִיל אִיךְ דִיר יֶעצְט בֶּעטְן, פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ לֵייגְן תְּפִילִין אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אִין אַרְבֶּעט. גֵיי אִין שׁוּל, לֵייג טַלִּית וּתְפִילִין אוּן דַאוֶוענְען שַׁחֲרִית; דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, דוּ וֶועסְט זַיין בַּאשִׁיצְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז עֶס אִיז דִיר טוּנְקֶל, מַאךְ זִיךְ לִיכְטִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ה שׁוֹבָבִי"ם, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז עֶס אִיז דִיר טוּנְקֶל - מַאךְ זִיךְ לִיכְטִיג, נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זִיךְ.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה, ד.) יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מָאן מִנְכוֹן דִּי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא" וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקֶל - לִיכְטִיג, "וְטַעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא" וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן בִּיטֶער - זִיס; "מָאן מִנְכוֹן דְּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְּנָהִיר וְכוּ'" וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג אַז עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן - דֶער וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶערֶע לֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן, אוּן פוּן זַיין טוּנְקֶלְקֵייט - לִיכְטִיג, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקֶלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אִין דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִּיק אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן דִיר, עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט, עֶפְן דַיין מוֹיל אוּן רֶעד צוּ אִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סב): "וּבֶאֱמֶת, אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעוּוִיסְט בַּיי זִיךְ קְלָאר, "שֶׁ'מְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ'", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל, "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִלָּה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים בִּשְׁעַת עֶר דַאוֶונְט אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר בֶּעט, "וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו", וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעדַאוֶונְט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען רֶעדְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ה שׁוֹבְבִי"ם, כ"א שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט אוּנְזֶער מוֹסָד הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ זַאכְן וָואס הָאט מִיךְ גֶעשְׁטֶערְט. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן זֵייעֶר גוּטֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט דִי זַאכְן מִיט דִי קִינְדֶער; בְּעֶצֶם אִיז דָאס נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה צוּ רֶעדְן וֶוען עֶס גֵייט זַיין אַ שִׂמְחָה אִין דִי מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער בַּיי אוּנְז אִיז דָאס אַ זַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיט דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס אַז וֶוען זֵיי הֶערְן קִינְדֶער רֶעדְן פוּן קוּמֶענְדִיגֶע שִׂמְחוֹת זָאל מֶען פַארְדְרֵייעֶן דִי שְׁמוּעֶס אוּן שֵׁיינֶערְהֵייט רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן אַז מֶען זָאל פְּרוּבִּירְן נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם וַוייל אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶוערְן צֶעמִישְׁט.

דֶער אִינְגֶערְמַאן ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, הַלְוַאי זָאלְן מִיר הָאבְּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע אִינְגֶעלַייט. אֶפְשָׁר אִיז כְּדַאי זָאלְסְט רֶעדְן מִיט אִים, עֶר זָאל צוּלֵייגְן קָאפּ פַאר עֶר רֶעדְט דִי זַאכְן אִין שׁוּל, אוֹיבּ שְׁטֵייעֶן דָארְט אִינְגְלֶעךְ אוּן בָּחוּרִים.

הָעִקָּר בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם. זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג אוּן לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, וַוייל אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן קוּמְט מֶען אָן צוּ זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם

מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר (דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר), דֶעמָאלְט וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ בַּאטְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן?! וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט', אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי סְגוּלָה פוּן שִׂמְחָה אִיז הֶעכֶער אַלֶע סְגוּלוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ו שׁוֹבָבִי"ם, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זוּכְסְט אַ גוּטֶע סְגוּלָה? מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט: "דִי סְגוּלָה פוּן שִׂמְחָה אִיז הֶעכֶער אַלֶע סְגוּלוֹת!" וַוייל אַלֶע צָרוֹת קוּמְט נָאר פוּן דֶעם וָואס מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אוּן וָואס מֶער מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - אַלְץ מֶער וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן צָרוֹת אוּן יְסוּרִים.

פְרֵיי זִיךְ מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי', פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעטוּן הַיינְט תְּפִילִין, הָאסְט גֶעדַאוֶוענְט, הָאסְט אַ מְזוּזָה, הָאסְט אַ כָּשֵׁר'ֶע קָאךְ מִיט כָּשֵׁר'ֶע עֶסְן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אִין שְׁטֶעטְל אוּן מָארְגְן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, פַאר דִי מַאמֶעס מִיט דִי לֶערֶערִינְס אִין סְקוּל - אַן אֲסִיפָה. זֶע צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען, דָאס אִיז פַאר דִי טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ דַאנְק אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס הֶעלְפְן דֶעקְן דִי הוֹצָאוֹת בֵּית הַמֶּדְרָשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ו שׁוֹבָבִי"ם, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, תּוֹשְׁבֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ עֶנְק, אִיךְ הָאף דֶעם שַׁבָּת שְׁקָלִים צוּ קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל. אוֹיךְ וֶועל אִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זַיין אִין שְׁטֶעטְל דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָמִים טוֹבִים פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת.

אִיךְ דַאנְק אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס הֶעלְפְן דֶעקְן דִי הוֹצָאוֹת בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דִי גֶעטְרֵייעֶ גַבָּאִים אַבְרָהָם הֶערְשׁ אוּן אַבְרָהָם יְהוֹשֻׁעַ דֶערְצֵיילְן מִיר וֶוער עֶס הֶעלְפְט אוֹיסְהַאלְטְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. אוֹיפְהַאלְטְן אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ קָאסְט גֶעלְט; לֶעקְטֶער קָאסְט, גֶעז קָאסְט, גַארְבֶּעדְזְשׁ קָאסְט, רֵיינִיגְן; דֶער גוֹי וָואס רֵיינִיגְט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר בֶּעט גֶעלְט, קָאפִי אוּן מִילְךְ קָאסְט, אַזוֹי אוֹיךְ דִי פֶּעיפֶּער גוּדְס; דִי אַלֶע זַאכְן קָאסְטְן.

מֶען דַארְף קוּקְן אוֹיפְן שׁוּל וִוי דִי אֵייגֶענֶע הוֹיז. מֶען קוּמְט אִינְדֶערְפְרִי דַאוֶונֶען, מֶען אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט אַ גֶעשְׁמַאקֶע רֵיינֶע שׁוּל - דַארְף מֶען אַנְטֵייל נֶעמֶען אוּן גֶעבְּן צְדָקָה פַארְן שׁוּל.

אִיךְ הָאבּ נָאר אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַפָּאר זַאכְן, עֶס אִיז נָאךְ דָא אַסַאךְ הוֹצָאוֹת, מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן כְּסֵדֶר זַאכְן וָואס צֶעבְּרֶעכְן זִיךְ, אָפְּגֶערֶעדְט דִי שְׁטֵייעֶר וָואס דִי שְׁטָאט בֶּעט, דָאס אִיז זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. מֶען דַארְף זִיךְ כְּסֵדֶר בַּאנֵייעֶן בַּיים רֶבִּי'ן, נִישְׁט זַיין אַלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן

עד): "הַמְקֹרָבִים שֶׁיֵּשׁ לַצַּדִּיק בְּחַיָּיו, הֵם יִהְיוּ מְקֹרָבִים בְּמוֹתָם"; וָוער עֶס אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִּיק אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועט זַיין מְקוּרָב צוּם צַדִּיק אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַאן אוּן וַוייבּ דַארְפְן זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן וָואס טוּט וֵויי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל״ו שׁוֹבְבִי״ם, כ״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס מֶעג אַייךְ בַּאדֶערְן אוּן עֶס אִיז נָארְמַאל אַז עֶס בַּאדֶערְט פַאר דִי וַוייבּ וֶוען מֶען גֵייט שַׁבָּת צוּ דִי מַאן׳ס עֶלְטֶערְן אוּן דֶער מַאן רֶעדְט אַ גַאנְץ שַׁבָּת נָאר מִיט זַיין טַאטֶע מַאמֶע אוּן גֶעשְׁוִויסְטֶער, אוּן זִי אִיז פוּן דֶער זַייט אָן קַיין מַאן וְכוּ׳.

עֶס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיר דַארְפְט אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים. זָאגְט אַייעֶר מַאן אַז עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער צוּ גֵיין צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוֹיף אַזַא וֶועג, וַוייל פוּן וֶוען מֶען קוּמְט אָן צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְט עֶר נִישְׁט מִיט אַייךְ, עֶר רֶעדְט נָאר מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן.

מִן הַסְתָּם כַאפְּט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר טוּט; עֶר פְרֵיידְט זִיךְ זֵייעֶר, וַוייל עֶר וַוארְט אַ לַאנְגֶע צַייט צוּ טְרֶעפְן זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן גֶעשְׁוִויסְטֶער, אוּן וֶוען עֶר טְרֶעפְט זֵיי - כַאפְּט עֶר נִישְׁט אַז אִיר זִיצְט פוּן דֶער זַייט.

רֶעדְן אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט; מַאן אוּן וַוייבּ דַארְפְן רֶעדְן, זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעבְּן וָואס טוּט וֵויי, אוּן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אַ וֶועג עֶס זָאל זַיין גוּט פַאר בֵּיידֶע.

פַארְגֶעסְט נִישְׁט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶעם טֵייעֶרְן מַאן וָואס

איר האָט; אַ מַאן אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַ מַאן וָואס טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט אוּן טוּט נִישְׁט וֵויי, אַ מַאן וָואס לֶערְנְט אוּן דַאוֶּוענְט, מִיט אַלֶע זַיינֶע מַעֲלוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ מְלַמֵּד דַארְף הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אַחְרַיוּת צוּ זַיין צַייטְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ו שׁוֹבָבִי"ם, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בְּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ הַנָאָה אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר וָואס טוּט זִיךְ אִין חֵדֶר אִין שְׁטֶעטְל.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט קוּמֶען צַייטְלִיךְ, אוּן אַפָּאר מִינוּט פְרִיעֶר. זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת, אוּן אַז מֶען נֶעמְט אַרָאפּ אֲפִילוּ אֵיין מִינוּט פוּן דִי צַייט וָואס מֶען דַארְף גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער - קֶען מֶען דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן.

דַיין בְּרוּדֶער ר' יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אִינְדֶערְפְרִי אַלֵיינְס וֶוען דִי מְלַמְדִים קוּמֶען נִישְׁט אִין צַייט. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטֵיי אִים צוּ דִי הַאנְט, עֶר זָאל נִישְׁט פַאלְן פוּן דִי כּחוֹת. אִיךְ הָאף בְּקָרוֹב וֶועט אִיר הָאבְּן אַ גוּטֶע מְנַהֵל, ר' מָרְדְכַי, וָואס וֶועט עֶנְק קֶענֶען מְחַזֵק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ז שׁוֹבָבִי"ם, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִיר - וֶועט אַלֶעס זַיין גְרִינְגֶער; וֶועסְט

הָאבְּן פַּרְנָסָה, שָׁלוֹם בַּיִת; אַלֶעס וֶועט דִיר גוּט גֵיין. חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אֵיין רֶגַע - פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת זַיין פוּן דִיר קַיין אֵיין רֶגַע; אִיךְ וִויל דִיךְ שְׁפִּירְן אוּן דִיךְ זֶען, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל לֶעבְּן מִיט דִיר".

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אַ מְלַמֵד דַארְף קֶענֶען הַאלְטְן אַ כִּתָּה אָן שְׁרֵייעֶן אוּן אַרוֹיסְשִׁיקְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ח שׁוֹבְבִי"ם, כ"ד שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵד אִין שְׁטֶעטְל

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר דִי גוּטֶע גְרוּסְן פוּן חֵדֶר; זָאלְסְט זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת פַארְן זִיךְ אַזוֹי אַװעקְגֶעבְּן פַאר דִי חֵדֶר.

בְּנוֹגֵעַ אַ מְנַהֵל; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קֶענֶען אָנְצִיעֶן נָאךְ אַפָּאר וָואכְן אָן אַ מְנַהֵל, וַוייל מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף הֵייסְט עֶס יֶעצְט אַז ר' מָרְדְּכַי נֵרוֹ יָאִיר צִיט זִיךְ צוּם שְׁטֶעטְל אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת. עֶר וֶועט עֶנְק הֶעלְפְן מִיט אַלֶעס, עֶר וֶועט צוּגֶעבְּן צוּם חֵדֶר אַז אַלֶעס זָאל זַיין ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין. יֶעצְט אִיז דָא נָאךְ זֶעקְס וָואכְן בִּיז יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן נָאךְ פִינְף וָואכְן צְוִוישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זִיךְ קֶענֶען גֶעבְּן אַן עֵצָה.

בְּנוֹגֵעַ דֶער מְלַמֵד ... נֵרוֹ יָאִיר; אִיךְ הָאף אַז עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען ווִי צוּ הַאלְטְן אַ כִּתָּה, אוֹיבּ וֶועט עֶר עֶס אוֹיפְכַאפְּן, ווִי מֶען שְׁטֶעלְט אַװעק אַ גוּטֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז גוּט, אַז נִישְׁט - וֶועל אִיךְ דַארְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ נֵייעֶם מְלַמֵד. הַלְוַאי זָאל עֶר דָאס אוֹיפְכַאפְּן, וַוייל עֶר הָאט אַלֶע מַעֲלוֹת פוּן זַיין אַ

מְלַמֵּד; אַ גוּטֶע וֵוייכֶע הַארְץ, אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן אַן עֶרְנְסְטֶער, נָאר דִי אֵיין זַאךְ; עֶר דַארְף וִויסְן צוּ זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אַז קִינְדֶער דַארְפְן פָּאלְגְן אַ רֶבִּי, אוּן אָן שְׁרֵייעֶן, אָן אַרוֹיסְשִׁיקְן פוּן כִּתָּה - דַארְף מֶען דָאס קֶענֶען בַּאוַויזְן.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דִי אַנְדֶערֶע מְלַמְדִים, אוּן זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פַּאזֶעטִיוֶוע לוּפְט צְוִוישְׁן דִי מְלַמְדִים, אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

מֶען צֶעבְּרֶעכְט נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל״ח שׁוֹבְבִי״ם, כ״ד שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבַּאי בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרַאכְפֶעלְד**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה? זַיין וַוייבּ אִיז אַוֶועק פוּן אִים, אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט מִיט אַלֶע קִינְדֶער - פַארְוָואס? ווייל עֶר ווִיל נִישְׁט זַיין אַ... חָסִיד?! זָאל עֶר צוּרִיקְגֵיין צוּ דִי חֲסִידוּת, אַבִּי זִי זָאל צוּרִיקְקוּמֶען; גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, מֶען צֶעבְּרֶעכְט נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.

אוֹיבּ דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי ווִי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי - זָאלְסְטוּ אִים מְחַזֵּק זַיין עֶר זָאל יָא צוּרִיק גֵיין צוּ זַיין אַלְטֶע חֲסִידוּת אַז זַיין וַוייבּ זָאל צוּרִיקְקוּמֶען; גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, דִי קִינְדֶער וֶועלְן דָאךְ אַלֶע לַיידְן! מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן.

זַיי אִים מְחַזֵּק, לֶערְן אִים דֶעם רֶבִּינְ׳ס לִימוּד אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל, אוּן אַז דִי וַוייבּ דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין, דִי וַוייבּ דַארְף מֶען הֶעלְפְן; זֶע צוּ רַאטֶעוֶוען זַיין שְׁטוּבּ.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר דֶעם גַבַּאי שְׁלֹמֹה חַיִּים נֵרוֹ יָאִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט פוּן לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל״ח שׁוֹבָבִי״ם, כ״ד שְׁבַט, תשפ״ג

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ קוּמְסְט יֶעדְן טָאג צוּם שִׁיעוּר גְמָרָא. דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר זָאגְט מִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט גוּט אוּן דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן גוּטֶע מִידוֹת.

נוּץ אוּיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנ״ד.): ״יַנְקוּתָא״, דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט פוּן לֶעבְּן, עֶס אִיז ״כְּלִילָא דְוַרְדָא״.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ טְרֶעפְן יֶעדְן טָאג אַ שְׁטִילֶע פְלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף אִידִישׁ. דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁמוּעֶס מִיט אִים. בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פָאלְגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע נָאר פָאלְגְן דֶעם יֵצֶר טוֹב.

גֶעבּ אַ גְרוּס דַיין טַאטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִנְהָגִים פוּן יוֹצְרוֹת אִין שַׁבָּת שְׁקָלִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל״ח שׁוֹבָבִי״ם, כ״ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד גַבָּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

דִי וָואךְ, שַׁבָּת שְׁקָלִים, אִיז דֶער מִנְהָג בַּיי אוּנְז אַז מִיר זָאגְן דִי יוֹצְרוֹת סֵיי בַּיי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פוּן שַׁחֲרִית, אוּן סֵיי בַּיי דִי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פוּן מוּסָף.

בַּיי שַׁחֲרִית זָאגְן מִיר נִישְׁט דִי לַאנְגֶע פִּיּוּט פַאר קְדוּשָׁה. אַזוֹי אִיז בַּיי אַלֶע ד׳ פַּרְשִׁיּוֹת, מִיר זָאגְן נִישְׁט דִי לַאנְגֶע פִּיּוּט פוּן פַאר נַקְדִּישָׁךְ.

אִיךְ הָאף אַייךְ צוּ שִׁיקְן אַ בְּרִיוו וָואס פָּארְצוּלֵיינֶען בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִויפִּיל דַארְף אַ מַאמֶע דַאוֶוענֶען?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל״ט שׁוֹבְבִי״ם, כ״ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרַט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, לֶעיקְוָואד**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר לֶעבְּט אַ גוּטֶע לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן אוּן אַז אִיר הָאט אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת. מִיטְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אִיז דָאס לֶעבְּן אֵיין שְׁטִיק זִיסְקֵייט אוּן אֵיין שְׁטִיק גַן עֵדֶן; וִוי נָאר מֶען נֶעמְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ וֶוערְט לִיכְטִיג, אַלֶעס אִיז גוּט.

בְּנוֹגֵעַ דַאוֶוענֶען אוּן זָאגְן תְּהִלִּים וְכוּ׳; מַאמֶעס וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער - זֶענֶען יוֹצֵא דָאס דַאוֶוענֶען מִיט בִּרְכַּת הַשַּׁחַר, בִּרְכַּת הַתּוֹרָה אוּן קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן וֶוען מֶען הָאט צַייט אִינְמִיטְן טָאג זָאגְט מֶען תְּהִלִּים, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען מַקְפִּיד זַיין אוֹיף קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וואו, אִין שְׁלָאף שְׁטוּבּ אִיז אֵיין זַאךְ אוּן אִין שְׁטוּבּ אִיז אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, אִין שְׁטוּבּ דַארְף מֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַז אַ פְרוֹי גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף צְנִיעוּת, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

זַייט מְחַזֵּק אַייעֶר מַאן עֶר זָאל גֵיין הֲפָצָה נִישְׁט אוֹיף אַייעֶר צַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**טוּ אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט צוּרִיק צוּ גֵיין צוּ דַיין וַוייבּ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ט שׁוֹבְבִי"ם, כ"ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טוּ אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט צוּרִיק צוּ גֵיין צוּ דַיין וַוייבּ. עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט וֶוער עֶס אִיז גֶערֶעכְט, דוּ וֶועסְט גָארְנִישְׁט הָאבְּן פוּן זַיין גֶערֶעכְט. וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס שְׁטֵייט אוֹיף זַיינֶע רֶעכְטְן, דָא רֶעדְט מֶען פוּן הַאלְטְן דִי שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן.

אַז דַיין וַוייבּ וִויל דוּ זָאלְסְט גֶעהֶערְן צוּ דִי חֲסִידוּת פוּן וואוּ עֶנְק בֵּיידֶע קוּמֶען - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט אִיר, אֲפִילוּ עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פְּשַׁט אַ פְּרוֹי זָאל אַרַיינְרֶעדְן אִין דִי זַאךְ, וָואס הָאט דִי פְּרוֹי זִיךְ צוּ מִישְׁן וואוּ דֶער מַאן זָאל גֶעהֶערְן? דָאךְ, לְמַעַן הַשָּׁלוֹם, לְמַעַן הַיְלָדִים - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן.

אַז זִי פַארְלַאנְגְט דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּ טִפּוּלִים - גֵיי, אֲפִילוּ טִפּוּלִים אִיז אַ דִמְיוֹן; ווַייל ווִי קֶען דֶער מְטַפֵּל הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן - וֶוען עֶר קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן... דָאךְ זָאלְסְטוּ גֵיין, אַבִּי עֶס זָאל וֶוערְן שָׁלוֹם.

בִּיסְט אַ פְּרִישֶׁער מְקוּרָב בַּיים רֶבִּי'ן, דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אִין בְּרֶסְלֶב אָן אַ וַוייבּ, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַלֵיינְס אָן אַ וַוייבּ; זָאלְסְטוּ אַלֶעס טוּן צוּרִיק צוּ שְׁטֶעלְן דַיין שְׁטוּבּ.

רֶעד מִיטְן גַבְּאַי פוּן עֶנְקֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ, עֶר וֶועט דִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן מַדְרִיךְ זַיין ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם.

זָאל שׁוֹין זַיין דִי גְאוּלָה אוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט מַאכְן שָׁלוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט.

...

**בִּזְכוּת זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, זָאלְן אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל״ט שׁוֹבָבִי״ם, כ״ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט מִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען מִיט דִי בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ וָואס דַיין וַוייבּ הָאט גֶעטוּן, זִי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן אִירֶע הָאר - זָאלְן עֶנְק זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער צַדִּיקִים אוּן צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן הַבְטָחוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט.

דָא הָאסְטוּ אַ בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ:

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, יְרוּשָׁלַיִם**

דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת פְלֶעגְן צוּזָאגְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת פַאר דִי פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען דִי גְרוֹיסֶע זַאךְ פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר; ווּאוּנְטְשׁ אִיךְ אַייךְ: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת בִּזְכוּת וָואס אִיר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי הָאר; אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער צַדִּיקִים״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אוּנְזֶער הַאלְבֶּע אַרְבֶּעט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל״ט שׁוֹבָבִי״ם, כ״ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, טַייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

דִי וָואךְ אִיז שַׁבָּת שְׁקָלִים, מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל זָאגְן פַאר אַלֶע אִידְן יֶעדֶער זָאל גֶעבְּן אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, לְכַפֵּר עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.

מִיר קֶענֶען הָאבְּן שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פוּן דִי מִצְוָה פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט בְּרֶענְגֶען אַ גַאנְצֶע שֶׁקֶל נָאר אַ הַאלְבֶּע, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ ווִיל מֶען זַיין גוּט - נָאר אַז מֶען קֶען זַיין אִינְגַאנְצְן גוּט, אוֹיבּ וֶועט מֶען נָאר קֶענֶען זַיין אַבִּיסְל גוּט - ווִיל מֶען בִּכְלַל נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן, עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט. אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל יָא מֶען זָאל טוּן וָואס מֶען קֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אוּנְזֶער הַאלְבֶּע אַרְבֶּעט. מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין מַלְאָכִים, מִיר זֶענֶען מֶענְטְשְׁן מִיט שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ זֶען ווִי מִיר פְּרוּבִּירְן עֶפֶּעס צוּ טוּן גוּטְס, ווִי מִיר טוּעֶן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם הַאלְבְּוֶועגְס; דָאס אִיז דֶער מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל.

קוּקְט אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן, פֵייעֶרְדִיגֶע וֶוערְטֶער, ווִיכְטִיגֶע וֶוערְטֶער. עֶר זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּרוּמוֹת וּמַעַשְׂרוֹת הֲלָכָה ג, אוֹת ג): "כִּי בְּוַדַּאי אִם נִתְפַּס אֵיזֶה אָדָם שֶׁהוּא בִּכְלַל יִשְׂרָאֵל שֶׁלֹּא נִזְרְקָה בּוֹ אֶפִּיקוֹרְסוּת וּמִינוּת, אִם נִשְׁאַל אוֹתוֹ אִם הוּא חָפֵץ בִּתְשׁוּבָה, לַחֲזוֹר לַה' יִתְבָּרַךְ, בְּוַדַּאי הַכֹּל יָשִׁיבוּ פֶּה אֶחָד שֶׁרוֹצִים מְאֹד מְאֹד לָשׁוּב לַה' יִתְבָּרַךְ, וּמִתְגַּעְגְּעִים לָזֶה מְאֹד מְאֹד יָמִים וְשָׁנִים", אַז מֶען וֶועט פְרֶעגְן אַ מֶענְטְשׁ, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וֶוער זָאל נָאר זַיין, אֵיינֶער וָואס אִיז נִישְׁט קַיין מִין, קַיין אַפִּיקוֹרֶס, אוֹיבּ וֶועט מֶען אִים פְרֶעגְן: זָאג מִיר ר' אִיד, דוּ ווִילְסְט תְּשׁוּבָה טוּן? דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ? וֶועלְן אַלֶע דִיר עֶנְטְפֶערְן: יָא, זִיכֶער! מֶען וֶועט עֶנְטְפֶערְן: וָואס אִיז דִי פְרַאגֶע? וֶוער ווִיל דֶען נִישְׁט זַיין גוּט?! "וְגַם אִם נִשְׁאַל אוֹתוֹ אִם רוֹצֶה לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה דָּבָר בִּשְׁבִיל ה' יִתְבָּרַךְ כְּדֵי לָשׁוּב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, כְּגוֹן לִלְמֹד דַּף גְּמָרָא אוֹ לִתֵּן פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוֹ לֵילֵךְ לִטְבֹּל בְּמִקְוֶה וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה, מִדְּבָרִים הַמְקַדְּשִׁין אֶת הָאָדָם, בְּוַדַּאי יָשִׁיב בְּפֶה מָלֵא הֵן, כִּי בְּוַדַּאי אֲנִי מְרֻצֶּה לַעֲשׂוֹת בְּכִפְלַיִם", אוּן אַז מֶען וֶועט אִים פְרֶעגְן: ווִילְסְט עֶפֶּעס טוּן צוּ זַיין גוּט? ווִילְסְט לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא, אָדֶער גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה? ווִילְסְט גֵיין אִין מִקְוֶה, אָדֶער אַנְדֶערֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מַאכְט הֵיילִיג אוּן בְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וֶועט יֶעדֶער זָאגְן בְּפֶה מָלֵא: יָא, אַוַדַּאי אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ טוּן טָאפְּלְט אֲפִילוּ, "וּבִלְבַד שֶׁיּוֹעִיל לִי", נָאר מִיט אֵיין תְּנַאי, אַז עֶס וֶועט מִיר הֶעלְפְן. "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ שֶׁכָּל זֶה אֵינוֹ מוֹעִיל לִי", וַוייל אִיךְ וֵויס אַז

דִי זַאכְן וֶועט מִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, "לְפִי עֹצֶם רִבּוּי הַפְּגָמִים וְהַחֲטָאִים שֶׁפָּגַמְתִּי נֶגְדּוֹ יִתְבָּרַךְ", אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט מִיר דָאס אַלֶעס נִישְׁט הֶעלְפְן, "וּמֵחֲמַת זֶה שֶׁנִּדְמֶה לוֹ שֶׁכָּל זֶה לֹא יוֹעִיל לוֹ", אוּן דֶערְפַאר וָואס עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶס וֶועט אִים נִישְׁט הֶעלְפְן, "עַל כֵּן אֵינוֹ עוֹשֶׂה כְּלָל", טוּט עֶר גָארְנִישְׁט. "וְיֵשׁ שֶׁנָּפְלוּ כָּל כָּךְ בְּדַעְתָּם עַד שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים אֲפִלּוּ לִלְמֹד דַּף גְּמָרָא אוֹ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, מֵחֲמַת שֶׁיּוֹדְעִים שֶׁצְּרִיכִים לַעֲשׂוֹת הַרְבֵּה מְאֹד, וּמֵחֲמַת זֶה אֵינָם עוֹשִׂים כְּלָל", עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַזוֹי גֶעפַאלְן אַז זֵיי עֶפֶּענֶען נִישְׁט קַיין גְמָרָא אוּן מִשְׁנָיוֹת, וַוייל זֵיי ווִילְן טוּן אַסַאךְ - דֶערִיבֶּער טוּעֶן זֵיי גָארְנִישְׁט.

"וְעַל זֶה כְּבָר הִזְהִיר אוֹתָנוּ מְאֹד שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, אַל תִּצְדַּק הַרְבֵּה וְאַל תִּרְשַׁע הַרְבֵּה. כִּי מֵחֲמַת שֶׁרוֹצֶה לִהְיוֹת צַדִּיק הַרְבֵּה כַּנַּ"ל. עַל כֵּן הוּא רָשָׁע הַרְבֵּה חַס וְשָׁלוֹם כַּנַּ"ל", אוֹיף דֶעם שְׁרֵייט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין אַסַאךְ צַדִיק, אוּן טוּ נִישְׁט קַיין סַאךְ שְׁלֶעכְטְס; וַוייל אֵיינְס אִיז תָּלוּי אִין דִי אַנְדֶערֶע, ווִיבַּאלְד מֶען ווִיל טוּן אַסַאךְ - טוּט מֶען גָארְנִישְׁט. "כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הָיָה רָאוּי שֶׁיִּהְיֶה כָּךְ כְּמוֹ שֶׁבּוֹעֵר בְּלִבּוֹ כַּנַּ"ל. וּלְקַדֵּשׁ עַצְמוֹ בְּכָל הַקְּדֻשּׁוֹת וְלַהֲפֹךְ פָּנָיו מֵהָעוֹלָם הַזֶּה לְגַמְרֵי וְכוּ' וְכוּ' וְיוֹתֵר וְיוֹתֵר", אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶועלְן זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער צַדִיק וָואס אִיז שַׁיָיךְ, זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְדְרֵייעֶן דֶעם פָּנִים פוּן דִי נַארִישֶׁע וֶועלְט, "אֲבָל אַף עַל פִּי כֵן וְכִי מָאן דְּלָא יָכוֹל לְמֶעֱבַד כֹּלָּא מִצְוָה פַּלְגָּא מִצְוָה נָמֵי לָא לֶעֱבַד", אָבֶּער אַז עֶס גֵייט נִישְׁט אִינְגַאנְצְן - זָאל מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט טוּן? "וְכִי מִפְּנֵי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְהַרְוִיחַ כָּל מַה שֶּׁיְּכוֹלִין לְהַרְוִיחַ בְּזֶה הָעוֹלָם אִם כֵּן לֹא יַרְוִיחַ כְּלָל וְגַם יַפְסִיד חַס וְשָׁלוֹם מַה שֶּׁיַּפְסִיד רַחֲמָנָא לִצְלַן רַחֲמָנָא לִצְלַן", אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט פַארְדִינֶען אַלֶעס - זָאל מֶען פַארְלִירְן אַלֶעס?! דָאס אִיז דִי זַאךְ פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל; קֶענְסְט נִישְׁט טוּן אַסַאךְ - טוּ הַאלְבּ.

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט פֵייעֶר: "כִּי עִקַּר הַתְּשׁוּבָה הוּא לֵב נִשְׁבָּר, וּמֵאַחַר שֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁפָּגַם כָּל כָּךְ הוּא מְחֻיָּב לִהְיוֹת מְרֻצֶּה שֶׁיַּעֲשֶׂה מַה שֶּׁיַּעֲשֶׂה בִּשְׁבִיל ה' יִתְבָּרַךְ, וְאַף עַל פִּי כֵן לֹא יִזְכֶּה כִּי אִם לְמַדְרֵגָה הַפְּחוּתָה מְאֹד", אַ מֶענְטְשׁ

דַארְף זַיין גְרֵייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ שְׁלֵימוּת, "וְאִם לֹא יִזְכֶּה עַל יְדֵי כָּל עֲבוֹדָתוֹ כִּי אִם לְמַעֵט עָנְשׁוֹ בַּגֵּיהִנֹּם קְצָת, גַּם כֵּן כְּדַאי לְבַלּוֹת כָּל יָמָיו בַּעֲבוֹדַת ה׳ בִּשְׁבִיל זֶה לְבַד", אוּן אֲפִילוּ עֶר וֶועט נָאר קֶענֶען אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן זִיךְ אֵיין קְלֵיינֶע בְּרִי פוּן גֵיהִנוֹם - אִיז נָאכְאַלְץ כְּדַאי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, "כִּי צַעַר אֶחָד בַּגֵּיהִנֹּם רֶגַע אַחַת עוֹלֶה יוֹתֵר מִכָּל הָעוֹלָם הַזֶּה כָּל יְמֵי חַיָּיו", ווַייל אֵיין בְּרִי אִין גֵיהִנוֹם אִיז מֶער וֵוייטָאגְלִיךְ פוּן אַלֶע וֵוייטָאג פוּן דִי וֶועלְט.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי סִיבָּה פַארְוָואס יָרָבְעָם בֶּן נְבָט אִיז אַוֶועקְגֶעפַאלְן. וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט: "חֲזֹר בְּךָ וַאֲנִי וְאַתָּה וּבֶן יִשַׁי נְטַיֵּל בְּגַן עֵדֶן", טוּ תְּשׁוּבָה אוּן אִיךְ, דוּ אוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ וֶועלְן מִיר צוּזַאמֶען שְׁפַּאצִירְן אִין גַן עֵדֶן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "מִי בָּרֹאשׁ", וֶוער וֶועט זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער - אִיךְ צִי דָוִד הַמֶּלֶךְ? הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בֶּן יִשַׁי בָּרֹאשׁ", דָוִד הַמֶּלֶךְ וֶועט זַיין בְּרֹאשׁ, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט תְּשׁוּבָה טוּן.

פְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן: "וְלִכְאוֹרָה הַדָּבָר תָּמוּהַּ, כִּי הֲלֹא יָרָבְעָם הָיָה חָכָם גָּדוֹל. וְאֵיךְ יַעֲלֶה עַל דַּעְתּוֹ לִשְׁאֹל אֶת ה׳ יִתְבָּרַךְ מִי בָּרֹאשׁ", עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, יָרָבְעָם בֶּן נְבָט אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חָכָם, וִוי קוּמְט צוּ אִים צוּ פְרֶעגְן אַזַא שְׁאֵלָה: וֶוער וֶועט זַיין בְּרֹאשׁ? אַוַדַאי וֶועט דָוִד הַמֶּלֶךְ זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער, "וְכִי יִהְיֶה חוֹטֵא נִשְׂכָּר, הֲיַעֲלֶה עַל הַדַּעַת שֶׁאַחַר שֶׁהִרְשִׁיעַ כָּל כָּךְ יִהְיֶה גָּדוֹל יוֹתֵר מִדָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, שֶׁעָבַד אֶת ה׳ יִתְבָּרַךְ בִּיגִיעָה גְּדוֹלָה מְאֹד מְאֹד כָּל יָמָיו", ווַייל וִוי קֶען מֶעגְלִיךְ זַיין אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעזִינְדִיגְט - זָאל זַיין הֶעכֶער פוּן אַ צַדִיק וָואס הָאט זִיךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶנְטְפֶערְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אַז דֶער פְּשַׁט אִיז אַזוֹי, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ יָרָבְעָם בֶּן נְבָט עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן - אִיז עֶר תֵּיכֶּף גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּפְלַאמְט אוּן גֶעוָואלְט ווִיסְן צִי עֶר וֶועט קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַזוֹי ווַייט אַז עֶר זָאל נָאךְ זַיין גְרֶעסֶער פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ, "נִמְצָא שֶׁלֹּא דִּבֵּר שְׁטוּת גָּמוּר כִּי לֹא

עָלָה עַל דַּעְתּוֹ שֶׁיִּהְיֶה בְּחִנָּם גָּבֹהַּ מִדָּוִד", עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ פְרֶעגְן צִי עֶר וֶועט זַיין אוּמְזִיסְט הֶעכֶער פוּן דָּוִד הַמֶּלֶךְ, "רַק שֶׁשְּׁאֵלָתוֹ הָיָה שֶׁהָיָה רוֹצֶה לַעֲבֹד אֶת ה' יִתְבָּרַךְ כָּל כָּךְ עַד שֶׁיַּעֲלֶה בְּמַדְרֵגָה יוֹתֵר מִדָּוִד", נָאר עֶר הָאט גֶעוָואלְט וִויסְן, אוֹיבּ עֶר וֶועט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צִי עֶר קֶען נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה, "וְזֶהוּ בְּוַדַּאי אֶפְשָׁר וְאֶפְשָׁר", אוּן דָאס אִיז זִיכֶער מֶעגְלִיךְ, "כִּי כָּל אָדָם אֲפִלּוּ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל יָכוֹל לַעֲלוֹת לְמַדְרֵגוֹת גְּבוֹהוֹת מְאֹד", וַוייל אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זַייעֶר אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ פּוֹשֵׁעַ יִשְׂרָאֵל, אוֹיבּ טוּט עֶר תְּשׁוּבָה קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִין אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִין לַעֲמֹד", אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה קוּמְט אָן אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע פְּלַאץ אוֹיבְן אִין הִימְל וִוי דִי צַדִּיקִים; מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָנְהֶעְנגֶען דִי תְּשׁוּבָה אִין דֶעם 'נָאר אַז מֶען קֶען נָאךְ זוֹכֶה זַיין וְכוּ'', דֶערִיבֶּער הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְקֶערְט וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט הֶערְן, אַז דָּוִד הַמֶּלֶךְ וֶועט זַיין הֶעכֶער פוּן אִים, "כִּי הוּא מְחֻיָּב לִהְיוֹת מְרֻצֶּה לָשׁוּב אֲפִלּוּ אִם לֹא יִזְכֶּה רַק לְמַדְרֵגָה קְטַנָּה מְאֹד", וַוייל מֶען דַארְף זַיין גְרֵייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אֲפִילוּ מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ אַ קְלֵיינֶע מַדְרֵיגָה, "וְאִם יִהְיֶה מְרֻצֶּה לְכָךְ בְּוַדַּאי ה' יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו", אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גְרֵייט אוֹיף דֶעם, עֶר וִויל גָארְנִישְׁט, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף אִים, "וּבְרֹבוֹת הַיָּמִים אִם יִהְיֶה חָזָק בְּדַעְתּוֹ לְבַל יַנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ, אֲפִלּוּ אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה, יוּכַל לִזְכּוֹת לַעֲלוֹת מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא וְלִקְנוֹת חַיֵּי עוֹלָם וְיִזְכֶּה לְמַה שֶּׁיִּזְכֶּה, אַשְׁרֵי לוֹ".

דָאס אִיז מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל: גֶעבּ הַאלְבּ, טוּ הַאלְבּ, קֶענְסְט נִישְׁט טוּן דִי גַאנְצֶע? דַארְפְסְט נִישְׁט טוּן דָאס גַאנְצֶע; וָואס קֶענְסְטוּ יָא טוּן? וִויפִיל קֶענְסְטוּ יָא טוּן?

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
הננו להודיע שמהיום יהיה
ניתן לקבל מדי שבוע
ישירות
לביתכם!
את הקונטרס הנפלא
עצתו
אמונה
מכתבים נפלאים, שאלות
ותשובות אקטואליות העוסקות
בכל התחומים בחיי היום יום
נכתבו על ידי ראש הישיבה
הרה"ג רבי
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
להרשמה חייגו:
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
או שלחו מייל ל: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
ועד הבית
goodpointmediainc@gmail.com


בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
חיזוק
צום טיר
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718·387·2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
goodpointmediainc@gmail.com